מטות מסעי תשפ"ג
גליון 149

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואס דאָ האט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

# אַן אָרט פון קלאָרקייט

קינדערלעך, לאָמיר זיך פאַרשטעלן אַז עס שטייט אַ גרויסע שיינע זאַל, אויסגעצירט מיט גאָר שיינע בילדער און ווען אַ איד טוט עפּעס אַ מצוה אָדער אַ גוטע זאַך גלייך גייט די מצוה אַריין אין דעם שיינעם בנין און עס ווערט פון דעם הערליכע קאָלירטע בילדער, שיינע מאָלערייען און פאַרהאַנגען א.ד.ג. ווער קען זיך אויסמאָלן דאס שיינקייט פון דעם בנין.

דער בית המקדש ווערט אָנגערופן "בית קָדשנו ותפארתנו", אונזער הייליגער וואונדערליכער הויז" ווייל דאָרט פלעגט שיינען און לייכטן די מעשים טובים און מצווה'לעך פון די אידישע קינדער, אַלע גוטע זאַכן און מצוות וואס די אידן האָבן געטון איז אַרויף אין בית המקדש און איז געוואָרן דאָרטן אויסגעמאָלן פון דעם הערליכע באַצויבערטע בילדער. אַזוי אויך איז געווען דאָרט דער מקור פון די תורה, אַזוי ווי עס שטייט אין די תורה כי יפלא ממך דבר.. וקמת ועלית אל המקום, אין בית המקדש איז קלאָר געוואָרן פאַרן איד אַלע זיינע שאלות און ספיקות וואס איז אים געווען אומקלאָר.




גם טוב לעשות מהתורה תפלה דהיינו כשלומד או שומע איזה מאמר תורה מצדיק האמת, אזי יעשה מזה תפלה. (ליקו"מ כ"ה חלק שני)

יענע צייטן אויב איז שווער געווען פאַר אַ איד עפּעס אַ שאלה אין די תורה איז ער אַרויף קיין ירושלים און דאָרט אין בית המקדש זענען געזעצן די הייליגע סנהדרין אין לשכת הגזית, דאָרט האט מען מברר געווען אַלע הלכות פון די הייליגע תורה און באַקומען עצות וויאַזוי צו מקיים זיין די תורה בשלמות.

אַזוי אויך איז אין בית המקדש געווען דאס דאַווענען בשלמות. אַזוי ווי ס'שטייט "ובאו והתפללו אל הבית הזה (דברי הימים ב׳ ו, לב), מיר זאָגן יעדן טאָג ביים דאַווענען "כי ביתי בית תפלה יקרא לכל העמים, מיין הויז, אַ הויז פון תפלה.

דורך דער בית המקדש האָבן די אידישע קינדער געהאט אַ שיינקייט, ווייל דאָרט איז פאַרצייט געוואָרן אַלע זינד פון די אידישע קינדער, די אידן האָבן געהאט אַ געוואַלדיגן התפארות, אַלע פעלקער האָבן געוואוסט אַז דער אויבערשטער באַרימט זיך מיט זיין פאָלק.

אויף די אַלע זאַכן קלאָגן מיר און מיר בענקען זיך צו דעם, מען פירט זיך דינים און הלכות פון די דריי וואכן צו ווייזן אַז מיר זענען זיך חס ושלום נישט מייאש, נאָר מיר האָפן יעדן טאָג אויף די גאולה, אַזוי ווי רש"י הקדוש ברענגט אין אנהייב מגלת איכה "היתה כאלמנה", כלל

המשך קומענדיגע זייט

המשך פון זייט 1

יִשְׂרָאֵל זֶענֶען אִיצְטֶער ווִי אַן אַלְמָנָה, נִישְׁט אַן אַלְמָנָה מַמָּשׁ, נָאר אַזוֹי ווִי אַ פְּרוֹי וָואס אִיר מַאן אִיז אַוֶועק גֶעפָארְן אוֹיף גָאר אַ ווַייטֶע וֶועג אוֹיף זַייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט, אוּן זַיין פְּרוֹי וַוארְט אוּן בֶּענְקְט צוּ אִים.

אַזוֹי אוֹיךְ כְּלַל יִשְׂרָאֵל וַוארְטְן שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין קוּמֶען צוּרִיק אַהֵיים מִיט אוּנְז, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר דִי אַלֶע וָואס קְלָאגְן אוּן בֶּענְקֶען אוּן וַוארְטְן אוֹיף דִי גְאוּלָה אַז עֶר וֶועט זֵיי צוּרִיק גֶעבְן דָאס שֵׁיינְקַייט, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט לָתֵת לָהֶם "פְּאֵר" תַּחַת "אֵפֶר".

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז בִּזְכוּת אוּן מִיטְן כֹּחַ פוּן דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן וֶועלְכֶע זֶענֶען מְקַיֵים בִּפְשִׁיטוּת דִי הֲלָכוֹת פוּן בֵּין הַמְּצָרִים, זֵיי הָאפְּן צוּ דִי גְאוּלָה זָאלְן מִיר שׁוֹין זוֹכֶה זַיין דָאס יָאר צוּ זֶען דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מִיט אִיר פְּרַאכְט בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

## "אֵיין קְרֶעכְץ"

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי טַייעֶרְקַייט פוּן יֶעדֶע קְלֵיינֶע נְקוּדָה טוֹבָה. אַסַאךְ מָאל קֶען אַ אִינְגֶל טְרַאכְטְן בַּיי זִיךְ: 'וָואס אִיז שׁוֹין וֶוערְט מַיין קְלֵיינִיגְקַייט וָואס אִיךְ טוּ צוּ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ?!'

אָבֶּער דִי אַלֶע סָארְטְן מַחֲשָׁבוֹת קוּמְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, עֶר וַוייסְט דָאךְ יָא ווִיפִיל יֶעדֶע קְלֵיינֶע קְרֶעכְץ אוּן יֶעדֶע בֶּענְק טוּט אוֹיף צוּ מְקָרֵב זַיין דֶעם בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דֶערְפַאר ווִיל עֶר מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת דָאס צוּרִיקְהַאלְטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז אוֹיס אַ סוֹד אִין תּוֹרָה רֶמֶ"ז אַז קִינוֹ"ת אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת פוּן תִּיקוּ"ן – דָאס אִיז אוּנְז צוּ מְרַמֵּז זַיין אַז דַוְקָא פוּן אוּנְזֶער קִינוֹת וֶועט וֶוערְן אַ תִּיקוּן. פוּן יֶעדֶע בִּיסֶעלֶע קִינוֹת גֵייט דִי וֶועלְט וֶוערְן פַארְרָאכְטְן עֶס גֵייט וֶוערְן אַ תִּיקוּן הַשָּׁלֵם אוּן יֶעצְט קֶען אִיךְ נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִין דֶעם אוּן פְּרוּבִּירְן אַרֵיינְלֵייגְן אִין דִי וֶוערְטֶער אַבִּיסְל הַארְץ אוּן גֶעפִיל, אַ קְרֶעכְץ, כְּסוֹפִין צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (תּוֹרָה ב') "כַּד חָם גַּבֵּיהּ אִתְהַפֵּךְ" וֶוען עֶס וֶועט זִיךְ צַאמְנֶעמֶען אַלֶע תְּפִלּוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶועט וֶוערְן אוֹיפְגֶעבּוֹיט דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ דוּרְךְ יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע תְּפִלָּה פוּן אַלֶע דוֹרוֹת!

דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז שׁוֹין כִּמְעַט גְרֵייט, אָט אָט קוּמְט עֶס שׁוֹין אַרָאפּ צוּ אוּנְזֶער וֶועלְט בְּתִפְאַרְתָּהּ!!

# יענעמס אמשה'לע



*דער באשעפער באווייזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*

## פַּאסִיגֶע שִׁיךְ

יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן בֵּין הַמְּצָרִים אִיז אֶפְשָׁר פַּאסִיג צוּ דֶערְצֵיילְן אִיבֶּער דִי צָרוֹת אוּן פֵּיין וָואס אוּנְזֶערֶע זֵיידֶעס זֶענֶען אַרִיבֶּער בַּיי דֶער צְוֵוייטֶער וֶועלְט מִלְחָמָה אוּן וִוי זֵיי האבן בַּייגֶעוואוּינְט נִסִּים חוּץ לְדֶרֶךְ הַטֶּבַע דוּרְךְ זֵייעֶר אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

ר' מֹשֶׁה יְהוֹשֻׁעַ צַאנְגֶער הָאט גֶעלִיטְן שְׁוֶוערֶע צָרוֹת עֶטְלִיכֶע יָארְן בַּיי דִי טוֹיט לַאגֶערְן אוּן גֶעבְּלִיבְּן עֶרְלִיךְ אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן דֶער גֶעהִילְף פוּנֶעם קַאפּאוֹ [קַאפּאוֹ מֵיינְט דֶער הוֹיפּט פוּן יֶעדֶע לַאגֶער]. בַּיי דֶער פָּאסְטְן הָאט עֶר גֶעקֶענְט אַסַאךְ אַרוֹיסְהֶעלְפְן זַיינֶע אִידִישֶׁע בְּרִידֶער. אֵיינְמָאל הָאט עֶר פַארְשַׁאפְט אַ מַאנְטְל פַאר אַ שְׁוַואכֶער בָּחוּר. עֶר הָאט דָאס אָנְגֶעשְׁרִיבְּן מִיט אַ רוֹיטֶער פַארְבּ אַז דִי נאצִיס זָאלְן דָאס נִישְׁט צוּנֶעמֶען פַאר זִיךְ.

אֵיין טָאג הָאט מֶען אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט אַ הוֹיפְן שִׁיךְ אוּן יֶעדֶער הָאט גֶעמוּזְט נֶעמֶען סַיי וֶועלְכֶע פָּאר עֶס קוּמְט אִים אוּנְטֶער. יֶעדֶער פַארְשְׁטֵייט אַלֵיין אַז מִיט שִׁיךְ אַרְבֶּעט דָאס נִישְׁט אַזוֹי. אַ בֶּגֶד קֶען מֶען אָנְטוּן סַיי וָואס, עֶס קֶען זַיין אַבִּיסְל גְרוֹיס אָדֶער קְלֵיין, נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ. אָבֶּער אַ שִׁיךְ וָואס אִיז קְלֵיין דְרִיקְט אוּן מַאכְט אָן יִסוּרִים אוּן אַ שִׁיךְ וָואס אִיז גְרוֹיס טְרָאגְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען וַואקְלְט זִיךְ בַּיי יֶעדְן טְרִיט. וֶוען דוּ גֵייסְט אַרַיין אִין אַ שִׁיךְ גֶעשֶׁעפְט וֶועט דֶער אַרְבֶּעטֶער אוֹיסְפַּאקְן אַ הַאלְבְּן גֶעשֶׁעפְט בִּיז דוּ קֶענְסְט זִיךְ צוּפַּאסְן צוּ אַ שִׁיךְ וָואס אִיז פּוּנְקְט דַיין נוּמֶער. אָבֶּער דָא הָאבְּן דִי עָס-עֶס זִיךְ גַאנְץ וֵוייניג גֶעקִימֶערְט אוֹיף דִי גֶעבְּרוֹיכְן פוּן דִי פַארְפַּיינִיגְטֶע אִידֶעלֶעךְ. סַיי וֶועלְכֶע שִׁיךְ עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן דֶער הוֹיפְן הָאט מֶען גֶעבְּרוֹיכְט אָנְטוּן.

יֶעדֶער הָאט גֶעכַאפְּט אַ שִׁיךְ אוּן אִיז צוּרִיק צוּם בַּארַאק, וואוּ מֶען הָאט זִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ מְסַדֵּר זַיין. מֶען הָאט זִיךְ אַבִּיסְל אַרוּמְגֶעטוּישְׁט. סְ'הָאט נִישְׁט פּוּנְקְט גֶעפַּאסְט, אָבֶּער פָּארְט הָאבְּן זִיךְ גֶעווִיסֶע מֶענְטְשְׁן גֶעקֶענְט אַבִּיסְל מְסַדֵּר זַיין.

אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ אִיד, ר' עֶזְרִיאֵל זִילְבֶּערְפֶּעלְד, וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ הוֹיכֶער מֶענְטְשׁ אוּן הָאט פַארְמָאגְט אַ גְרוֹיסֶער נוּמֶער שִׁיךְ וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צְווִישְׁן דִי אַלֶע שׁוּכְן. עֶר הָאט זִיךְ נֶעבֶּעך גֶעמוּזְט אַרַיינְקְוֶועטְשְׁן זַיינֶע פִּיס אוּן קְלֵיינֶע הָאלְצֶערְנֶע שִׁיךְ, וָואס הָאט אִים פַארְשַׁאפְט גֶעפֶערְלִיכֶע יִסוּרִים. יֶעדְן טָאג הָאט עֶר גֶעמוּזְט גֵיין לַאנְגֶע שְׁטְרֶעקֶעס מִיט דִי גֶעשְׁוָואלֶענֶע פִּיס וֶוען מִיט יֶעדְן טְרִיט שְׁפִּירְט עֶר וִוי עֶר פַאלְט אַרָאפּ. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוֶוען שְׁוַואךְ אוּן קְרַאנְק, אוֹיסְגֶעהוּנְגֶערְט אוּן אוֹיסְגֶעמָאגֶערְט. דִי פְּרָאבְּלֶעם מִיט דִי שִׁיךְ אִיז

נָאר גֶעוֶוען דֶער 'קָאמְפָּאט'.

מִיט טְרֶערְן אוּן גֶעוויין אִיז עֶר זִיךְ גֶעקוּמֶען בֶּעטְן בַּיי ר' מֹשֶׁה יְהוֹשֻׁעַ אַז עֶר זָאל זֶען אִים צוּ שַׁאפְן אַ פָּאר גוּטֶע שִׁיךְ.

"אִיךְ וֶועל פְּרָאבִּירְן," הָאט עֶר אִים פַארְשְׁפְּרָאכְן נִישְׁט ווִיסְנְדִיג וִוי אַזוֹי עֶר וֶועט מַצְלִיחַ זַיין אִים צוּ בְּרֶענְגֶען דָאס אוּמְמֶעגְלִיכֶע. יֶעדְן טָאג אִיז עֶר אַרִיבֶּער צוּם מַאגַאזִין וואוּ מֶען הָאט סָארְטִירְט דִי קְלֵיידֶער אוּן פַארְמֶעגְן פוּן דִי אוּמְגֶעקוּמֶענֶע קְדוֹשִׁים אוּן זִיךְ אוּמְגֶעקוּקְט אוֹיבּ עֶר זֶעט דָארְט אַ גוּטֶע פָּאר שִׁיךְ, אָבֶּער אַן עֶרְפָאלְג.

יֶעדְן טָאג אִיז ר' עֶזְרִיאֵל גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶר הָאט שׁוֹין גֶעפוּנֶען אַ פַּאסִיגֶע שִׁיךְ, אוּן וֶוען דֶער עֶנְטְפֶער אִיז גֶעוֶוען נֵיין, הָאט עֶר וִוידֶער אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ גֶעוויין. זַיינֶע פִּיס זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען צוּבְּלוּטִיגְט אוּן פַארְוֵוייטָאגְט, עֶר הָאט שׁוֹין מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין.

אַ אִיד גֶעבְּט אָבֶּער נִישְׁט אוֹיף. מִיט הֵייסֶע תְּפִלּוֹת צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הֶעלְפְן אַ פַארְצָרָה'טֶער אִיד, אִיז ר' מֹשֶׁה יְהוֹשֻׁעַ ווַייטֶער גֶעגַאנְגֶען צוּם מַאגַאזִין. אֵיין טָאג בַּאמֶערְקְט עֶר בַּיי דֶער זַייט אַ הֶערְלִיכֶע פָּאר שִׁיךְ, רֵיין אוּן גְלַאנְצִיג. עֶר גֶעבְּט אַ קוּק אוּן זֶעט אַז דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער נוּמֶער, ס'וֶועט זִיכֶער פַּאסְן פַאר ר' עֶזְרִיאֵל!

"פַאר וועמֶען אִיז דֶער פָּאר שִׁיךְ?" פְרֶעגְט ר' מֹשֶׁה יְהוֹשֻׁעַ פוּן דֶער אוֹיבֶּער-מַאגַאזִינֶער, וֶועלְכֶער פְּלַאצְט אוֹיס אִין אַ גֶעלֶעכְטֶער. "דָאס הָאט מִיט דִיר גָארְנִישְׁט צוּטוּן! דָאס אִיז נִישְׁט בַּאשְׁטִימְט פַאר אַרֶעסְטַאנְטְן."

"לָאמִיר מַאכְן אַ גֶעשֶׁעפְט, אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְּן צְווֵיי פֶּעקְלֶעךְ צִיגַארֶעטְן אוּן דוּ וֶועסְט מִיר גֶעבְּן דִי פָּאר שִׁיךְ, מַסְכִּים?"

"פַאר וועמֶען בְּרוֹיכְסְטוּ אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע שִׁיךְ?"

"וָואסַא חִילוּק? אִיךְ דַארְף דָאס פַאר אַ גֶעוִויסֶע צְוֶועק. דוּ גֶעבּ מִיר נָאר דִי שִׁיךְ..."

עֶס הָאט נִישְׁט גֶעדוֹיעֶרְט לַאנְג אוּן ר' מֹשֶׁה יְהוֹשֻׁעַ הָאט שׁוֹין גֶעהַאט דִי שִׁיךְ אִין הַאנְט.

יֶענֶעם טָאג וֶוען ר' עֶזְרִיאֵל אִיז וִוידֶער גֶעקוּמֶען זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן אוֹיף זַיינֶע שִׁיךְ אִיז דֶער עֶנְטְפֶער גֶעוֶוען אַ פַּאזִיטִיוֶוער. אָבֶּער עֶר הָאט דָאס נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאקוּמֶען. דִי שִׁיךְ זֶענֶען גֶעוֶוען נַיי אוּן גְלַאנְצִיג. אַז עֶר וֶועט דָאס אָנְטוּן וֶועט דֶער עֶס-עֶס וֶועלְכֶער וֶועט דָאס דֶער עֶרְשְׁטֶער בַּאמֶערְקְן, אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דִי פִּיס.

ר' מֹשֶׁה יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶענוּמֶען אַ מֶעסֶער אוּן אָפְּגֶערִיבְּן דִי גַאנְצֶע לֶעדֶער. דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַרוֹיס אִין הוֹיף אוּן גוּט פַארְשְׁמִירְט דִי גַאנְצֶע שִׁיךְ מִיט בְּלָאטֶע אוּן לֵיים. בִּיז עֶטְלִיכֶע מִינוּט הָאט דָאס שׁוֹין רִיכְטִיג אוֹיסְגֶעזֶען וִוי אַ 'לַאגֶער שִׁיךְ'. עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען גֶענוֹי דֶער פַּאסִיגֶע נוּמֶער פוּן ר' עֶזְרִיאֵל, וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ מְחַיֶּה גֶעוֶוען. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִין דִי הַסְתָּרַת פָּנִים גֶעמַאכְט דֶער גֶעוואלְדִיגֶער נֵס אוּן צוּגֶעשִׁיקְט דִי פַּאסִיגֶע פָּאר שִׁיךְ. ר' עֶזְרִיאֵל הָאט טַאקֶע אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט דֶער קְרִיג. כָּל יָמָיו הָאט עֶר מַכִּיר טוֹבָה גֶעוֶוען ר' מֹשֶׁה יְהוֹשֻׁעַ פַארְן אִים רַאטֶעוֶוען זַיין לֶעבְּן!

# דאס געשריי אין רוסישן טורמע #2



*ר' מֹשֶׁה יְרוּסְלַבְסְקִי, אַ סוֹחֵר פוּן סְחוֹרָה אוּן שְׁטָאף אִין רוּסְלַאנְד וֶוערְט גֶעכַאפְּט אִין תְּפִיסָה נָאךְ אַ מְסִירָה, זַיין שְׁטְרָאף אִיז לַיידֶער שׁוֹין אָפְּגֶעזִיגֶלְט צוּם זִיכֶערְן טוֹיט, עֶר זִיצְט אִין וַוארְט אוֹיף זַיין טָאג...*

דִי טֶעג זֶענֶען גֶעלָאפְן ר' מֹשֶׁה זִיצְט אִין תְּפִיסָה אוּן דֶער טָאג פוּנֶעם גְּזַר-דִּין אִיז אָנְגֶעקוּמֶען. ר' מֹשֶׁה אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין אַ לַאנְגֶע רַייעֶ צוּזַאמֶען מִיט אַנְדֶערֶע אַרֶעסְטִירְטֶע וָואס זֶענֶען אַזוֹי וִוי אִים פַארְזִיגֶלְט גֶעוָוארְן צוּם טוֹיט. זַיינֶע לִיפְּן שֶׁעפְּשֶׁען אַ שְׁטִילֶע תְּפִלָּה צוּם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם: "בַּאשֶׁעפֶּער טַייעֶרֶער רַאטֶעוֶוע מִיר..." אֲפִילוּ חֶרֶב חַדָּה מֻנַּחַת עַל צַוָּארוֹ שֶׁל אָדָם אַל יִתְיָאֵשׁ מִן הָרַחֲמִים! אַזוֹי אַרוּם אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ חָשׁוּבֶ'ער אָפִּיצִיר רַייטְנְדִיג אוֹיף אַ הוֹיכֶער פֶערְד עֶר גֵייט צוּ צוּ יֶעדְן אַרֶעסְטַאנְט אוּן פְרֶעגְט אִים וִוי דֶער גֶעזֶעץ פַארְלַאנְגְט: "בִּיסְטוּ מוֹדֶה אוֹיף דַיין שׁוּלְד?" אוֹיב עֶנְטְפֶערְט יֶענֶער "יָא!" נֶעמְט מֶען אִים צוּם טוֹיט, אוֹיב אָבֶער אִיז דֶער עֶנְטְפֶער "נַיין," עֶר אִיז נִישְׁט מוֹדֶה אוֹיף דֶער בַּאשׁוּלְדִיגוּנְג דַאן נֶעמְט מֶען צוּרִיק אִין תְּפִיסָה אוּן מֶען גֵייט נָאכְאַמָאל אִיבֶּער אוֹיף זַיין אוּרְטֵייל, אוֹיב קוּמְט עֶר אַרוֹיס רֵיינְגֶעוַואשְׁן וֶוערְט עֶר בַּאפְרַייט! אָבֶער אוֹיב קוּמְט עֶר וִוידֶער אַרוֹיס שׁוּלְדִיג דֶעמָאלְס בַּאקוּמְט עֶר אַ שְׁטְרָאף נָאךְ אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער אוּן עֶנְגֶער.

עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי רַייעֶ פוּן ר' מֹשֶׁה, דֶער אָפִּיצִיר הָאט אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט זַיין רֶעוָואלְוֶוער אוּן גֶעפְרֶעגְט טְרוּקֶענְעֶרְהֵייט: " בִּיסְטוּ מוֹדֶה אִין דַיין שׁוּלְד?"

"נַיין!" הָאט ר' מֹשֶׁה גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ דְרַייסְקַייט, "אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן אוּמְשׁוּלְדִיג!"

דֶער אָפִּיצִיר הָאט גֶעוִויזְן פַאר דִי שׁוֹמְרִים אִים צוּ שְׁטֶעלְן אִין זַייט, מֶען דַארְף אִים צוּרִיקְפִירְן אִין טוּרְמֶע, אוּן הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶועְן זַיין אַרְבֶּעט... אִין דִי מִינוּטְן וָואס ר' מֹשֶׁה אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין זַייט אִיבֶּערַאשְׁט אוּן דֶערְצִיטֶערְט פוּן זַיין דְרַייסְטְקַייט וָואס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט אַ הַצָּלָה כָּאטְשׁ אוֹיף דִי קוּרְצֶע צַייט, הָאט עֶר גֶעהוֹיבְּן דִי אוֹיגְן צוּם הִימְל אוּן צוּגֶעזָאגְט שְׁטִיל:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ זָאג דִיר צוּ, אוֹיב וֶועסְטוּ מִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען לֶעבֶּעדִיג פוּן דֶעם שְׁרֶעקְלִיכְן אָרְט, נֶעם אִיךְ זִיךְ אוּנְטֶער צוּ פַארְזָארְגְן יֶעדֶעס יָאר אַ שֵׁיינֶעם סְעוּדַּת יוֹם טוֹב פַאר דִי חֲסִידִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן!"

וִוידֶער הָאט זִיךְ ר' מֹשֶׁה גֶעטְרָאפְן אִין טוּרְמֶע מִיט דִי פִיר וֶוענְט, מֶען הָאט נָאכְאַמָאל גֶעעֶפְנְט דִי פַּאפִּירְן אוּן גֶעזֶען דִי שְׁוֶוערֶע עֵדוּת פוּן יֶענֶעם סוֹחֵר אַנְטְקֶעגְן ר' מֹשֶׁה. אַזוֹי וִוי ר' מֹשֶׁה הָאט גֶעלֵייקֶנְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה הָאבְּן זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם סוֹחֵר אַלֵיין עֶר זָאל עֵדוּת זָאגְן אִין פָּנִים פוּנֶעם בַּאשׁוּלְדִיגְטְן אֶפְשָׁר וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען דֶער אֱמֶת, וֶוען דֶער סוֹחֵר הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט

זָאגְן זַיין עֵדוּת הָאט ר' מֹשֶׁה גֶענוּמֶען קוּרַאזְשׁ אוּן אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם סוֹחֵר אִים אָנְגֶעכַאפְּט בַּיי זַיין קְלֵייד אוּן גֶעשְׁרִיגְן הוֹיךְ מִיטְן גַאנְצְן כֹּחַ: "דוּ הָאסְט מִיר פַארְקוֹיפְט סְחוֹרָה? וֶוער בִּיסְטוּ? אִיךְ קֶען דִיר פוּן קֵיינְמָאלוּ!"

דֶער סוֹחֵר אִיז גֶעוָוארְן צֶעמִישְׁט עֶר הָאט זִיךְ מוֹדֶה גֶעוֶוען אַנְטְקֶעגְן דִי שׁוֹפְטִים אַז ס'אִיז אַ עֲלִילַת שָׁוְא, אַ פְּרָאסְטֶער בִּלְבּוּל אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אוּן דִי גַאנְצֶע עֵדוּת זַיינֶע אִיז לִיגְנְט פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְן סוֹף! דֶער שׁוֹפֵט הָאט נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל צוּגֶעלָאזְט דִי זַאךְ אוּן הָאט גֶעזָאגְט צוּם סוֹחֵר: "גֶעבּ אַכְטוּנְג וָואס דוּ זָאגְסְט וַוייל אוֹיבּ אִיז עֶר פְרַיי גֵייסְטוּ זִיךְ בַּייטְן מִיט אִים, דוּ גֵייסְט אַרַיינְגֵיין אִין תְּפִיסָה אַנְשְׁטָאט אִים..."



ר' מֹשֶׁה הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז אֶפְשָׁר יֶעצְט וֶועט דֶער סוֹחֵר זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעבְּן אוּן נָאכְאַמָאל לֵייקֶענֶען אָבֶּער נֵיין דֶער סוֹחֵר אִיז גֶעוֶוען שְׁטַארְק אוּן גֶעזָאגְט: "כָאטְשׁ אִיךְ וֵוייס וָואס עֶרְוַוארְטֶעט מִיר, לִיגְנְט וִויל אִיךְ אָבֶּער נִישְׁט זָאגְן!"

נָאךְ יֶענֶעם טָאג אִיז ר' מֹשֶׁה בַּאפְרַייט גֶעוָוארְן פוּן טוֹיט צוּם לֶעבְּן, עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטוּבּ צוּ דִי פְרֵייד פוּן זַיינֶע בְּנֵי בַּיִת אוּן הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פְּלַאנֶען וִוי אַזוֹי עֶר גֵייט מְקַיֵּים זַיין זַיין הַבְטָחָה אוּן צוּשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה פַאר דִי אָרֶעמֶע חֲסִידִים וָואס קוּמֶען צוּם קִבּוּץ.

בַּאלְד רֹאשׁ חֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז שׁוֹין ר' מֹשֶׁה אַרוֹיסְגֶעפָארְן קַיין אוּמַאן אוּן אִיז גֶעזֶעצְן אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג נָאנְט צוּם צִיּוּן עַל הַתּוֹרָה וְעַל הָעֲבוֹדָה, עֶר הָאט גֶעדִינְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוּן זִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט צוּ גְרוֹיסְן יוֹם הַדִּין, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַפָּאר טֶעג פַארְן יוֹם טוֹב הָאט עֶר גֶענוּמֶען זַיין אָפְּגֶעשְׁפָּארְטֶע זֶעקֶל גֶעלְט אוּן אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִין מַארְק, דָארְט הָאט עֶר אָנְגֶעקוֹיפְט הִינְדֶעלֶעךְ אוּן פִישׁ, אֵייעֶר מִיט קַארְטָאפְל, גְרוֹיסֶע זֶעק מֶעל פַאר דִי חַלּוֹת, אַזוֹי הָאט עֶר אָנְגֶעפַּאקְט אַ גְרוֹיסְן וָואגְן וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן צוּם חָצֵר פוּן ר' נַחְמָן שְׁטַארְקֶעס, דָארְט הָאט אִים אָפְּגֶעוַוארְט גְרוֹיס אַרְבֶּעט, מֶען הָאט גֶעשְׁנִיטְן גֶעשֵׁיילְט אוּן גֶעקָאכְט, גֶעקְנָאטְן אוּן גֶעבַּאקְן, גֶעמִישְׁט אוּן גֶעפַּאקְט אַזוֹי אַפָּאר טֶעג, בִּיז דִי מַאֲכָלִים זֶענֶען פַארְטִיג גֶעוָוארְן.

מֶען הָאט גֶעדוּנְגֶען אַ קְלֵיינֶעם זַאל נָאנְט צוּם קְלוֹיז, וואוּ מֶען וֶועט צוּשְׁטֶעלְן דִי גֶעשְׁמַאקֶע סְעוּדוֹת. אַזוֹי וִוי עֶס הָאט גֶעפֶעלְט טִישְׁן אוּן בֶּענְק הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אַ עֵצָה אַז עֶר וֶועט נָאכְן דַאוֶוענֶען אִין קְלוֹיז אַרִיבֶּערְשְׁלֶעפְּן פוּן דָארְט דִי טִישְׁן אוּן בֶּענְק וָואס מֶען נִיצְט פַארְן דַאוֶוענֶען, אַזוֹי הָאט ר' מֹשֶׁה אַלֵיין גֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ מַעֲרִיב דִי טִישְׁן אוּן בֶּענְק צוּם זַאל אוּן נָאכְן עֶסְן צוּרִיקְגֶעטְרָאגְן מֶען זָאל קֶענֶען דַאוֶוענֶען אוֹיף מָארְגְן. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאט עֶר וִוידֶער אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי שְׁוֶוערֶע בֶּענְק אוּן טִישְׁן צוּ סְעוּדָה אוּן וִוידֶעראַמָאל צוּרִיקְגֶעבְּרֶענְגְט צוּ מִנְחָה. אַזוֹי הָאט ר' מֹשֶׁה גֶעהַאט אַ אַרְבֶּעט דוּרְכְאוֹיס רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ שְׁלֶעפְּן בֶּענְק מִיט טִישְׁן אַהִין אוּן צוּרִיק. דִי חֲסִידִים פוּן יֶענֶע צַייט פְלֶעגְן דֶערְצֵיילְן אַז כָאטְשׁ ר' מֹשֶׁה הָאט בִּיטֶער שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט הָאט עֶר אַלֶעס

גֶעמַאכְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן גֶעגֶעבְּן דִי בֶּעסְטֶע גֶעפִיל פַאר יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס אִיז גֶעקוּמֶען.

אַסַאךְ יָאר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט דֶער סֵדֶר, ר׳ מֹשֶׁה קוּמְט אָן פְרִי קַיין אוּמַאן אוּן שְׁטֶעלְט צוּ דִי סְעוּדַת פַאר דִי גֶעסְט, דִי אָרֶעמֶע חֲסִידִים זֶענֶען גֶעוֶוען אִיבֶּער גְלִיקְלִיךְ וַוייל נָאכְן פָארְן דִי לַאנְגֶע נְסִיעָה הָאט זֵיי גֶעוַוארְט עֶפֶּעס נַארְהַאפְטִיג צוּ עֶסְן אוּן עֶס הָאט אַרָאפְּגֶענוּמֶען פוּן זֵיי דֶער עוֹל פוּן זוּכְן אַ פְּלַאץ אָדֶער צוּגְרֵייטְן עֶסְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אוֹיךְ וֶוען עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען שְׁוֶוערֶע יָארְן וָואס דֶער מַצָּב אִין רוּסְלַאנְד אִיז גֶעוֶוען עֶנְג, עֶס הָאט גֶעהֶערְשְׁט אַ הוּנְגֶער אוּן מִילְיָאנֶען רוּסִישֶׁע הָאבְּן גֶעהוּנְגֶערְט אוֹיף בְּרוֹיט, ר׳ מֹשֶׁה הָאט אָנְגֶעוָוארְן זַיין פַּרְנָסָה אוּן אִיז אַרִיבֶּער וואוֹינֶען אִין דִי גְרוֹיסֶע שְׁטָאט מָאסְקֶעוֶוע, פוּן אַ שֵׁיינֶער סוֹחֵר אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ פָּשׁוּטֶ׳ער בַּעַל עֲגָלָה, אָבֶּער דִי סְעוּדוֹת פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעפִירְט, קַיין שׁוּם זַאךְ הָאט אִים נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן אַז דֶער רֶבִּי שַׁאפְט דָאס גֶעלְט. טְרָאץ וָואס דוּרְכְאוֹיס דָאס יָאר הָאט עֶר נִישְׁט נִישְׁט עֶפֶּעס בַּאזוּנְדֶערְס פַארְדִינְט אָבֶּער ווִי נָאר עֶס אִיז גֶעקוּמֶען חֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען גוּטֶע בִּיזְנֶעס פוּן דָא אוּן דָארְט אוּן הָאט גֶעלֵייזְט אַפָּאר רוּבֶּל, ר׳ מֹשֶׁה הָאט גֶעוואוּסְט אַז דִי פַארְדִינְטֶע גֶעלְט אִיז נִישְׁט זַיינֶע, דָאס אִיז גֶעלְט וָואס אִיז גֶעשִׁיקְט גֶעוָוארְן פַאר דִי סְעוּדוֹת אִין אוּמַאן.

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף ר׳ מֹשֶׁה אַז וֶוען עֶר פְלֶעגְט אַרוּמְפָארְן מִיט זַיינֶע פֶערְד פְלֶעגְט עֶר זִיךְ מַאכְן ווִי אַ שִׁכּוֹר, וַוייל אַ שִׁכּוֹר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע מְכוּבָּד׳יגֶע זַאךְ אִין רוּסְלַאנְד.. רַייטְנְדִיג אוֹיפְן פֶערְד פְלֶעגְט עֶר שְׁרֵייעֶן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן זִינְגֶען לִידֶער אוֹיפְן קוֹל מִיטְן גַאנְצְן הָאָרֶץ, דִי פֶערְד הָאבְּן שׁוֹין גֶעוואוּסְט ווִי שְׁנֶעל צוּ לוֹיפְן לוֹיט דִי לִידֶער פוּן ר׳ מֹשֶׁה! גֶעוֶוענְלִיךְ פְלֶעגְן זֵיי גֵיין גֶעמִיטְלֶעך אָבֶּער וֶוען ר׳ מֹשֶׁה הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען זִינְגֶען וּבְכֵן צַדִּיקִים.. יִרְאוּ וְיִשְׂמָחוּ... הָאבְּן זֵיי גֶענוּמֶען לוֹיפְן... שְׁנֶעל...

מִיט דֶער צַייט אִיז דֶער קִיבּוּץ אוּנְטֶערְן אַייזֶערְנֶעם פָארְהַאנְג פוּן דִי קָאמוּנִיסְטְן גֶעוָוארְן שְׁוֶוער אוּן עֶנְג צוּ קֶענֶען דַאוֶוענֶען דָארְט, דִי רְשָׁעִים הָאבְּן פַארְשְׁפַּארְט דִי קְלוֹיז מִיט אַ שְׁלָאס אוּן דִי חֲסִידִים הָאבְּן גֶעזוּכְט בַּאהַאלְטֶענֶע עֶרְטֶער צוּ אָנְגֵיין מִיט דִי תְּפִלּוֹת, אַז דֶער קִיבּוּץ זָאל זִיךְ הַאלְטְן, דִי מוֹסְרִים פְלֶעגְן זֵיי לָאקֶערְן אוּן וֶוען זֵיי פְלֶעגְן כַאפְּן דָאס אָרְט זֶענֶען אַלֶע מִתְפַּלְּלִים אַנְטְלָאפְן פוּן פֶענְסְטֶער...

יָאר תרצ״ז אִיז אָבֶּער גֶעשֶׁען דִי זַאךְ. מֶען הָאט גֶעכַאפְּט ר׳ מֹשֶׁה טֵיילְן עֶסְן פַאר דִי מִתְפַּלְּלִים, (גֶעבְּן עֶסְן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִין גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע פַארְבְּרֶעך אִין דִי סְדוֹם-גֶעזֶעצְן אִין רוּסְלַאנְד) מֶען הָאט אִים גֶעכַאפְּט אוּן אָנְגֶעוָוארְנְט אַז אוֹיבּ גֵייט מֶען אִים כַאפְּן נָאכְאַמָאל טֵיילְן עֶסְן וֶועט עֶר שְׁטְרֶענְג בַּאשְׁטְרָאפְט וֶוערְן, ר׳ מֹשֶׁה הָאט זִיךְ אוּמְוויסְנְד גֶעמַאכְט אוּן גְלַייךְ נָאכְן בַּאפְרֵייעֶן אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען טֵיילְן עֶסְן פַאר דִי גֶעסְט אִין אוּמַאן. אָבֶּער אוֹיךְ דָאס מָאל הָאט מֶען אִים גֶעכַאפְּט אוּן פַארְשְׁפַּארְט אִין תְּפִיסָה מִיט אַ שְׁוֶוערֶע מִשְׁפָּט.

*הֶמְשֵׁךְ קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ בעז״ה*

## סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת
## הַקְדָּמָה לְסִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

**פוּן גְאוֹן־עוּזֵינוּ מוֹרֵינוּ**

**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב זיע"א**

**דֶער גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד**

**פוּן רַבֵּינוּ־הַקָּדוֹשׁ זיע"א**

# לְהִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת

אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע [פָּשׁוּטֶ'ע] מַעֲשִׂיּוֹת"!

וָוארְן דִי 'מַעֲשִׂיּוֹת' וָואס אִין דֶעם סֵפֶר שְׁטֵייעֶן, הָאט דֶערְצֵיילְט דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק דֶער קְדוֹשׁ־עֶלְיוֹן, דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי ר' נַחְמָן זֵכֶר־צַדִּיק־לִבְרָכָה, זַיין זְכוּת זָאל אוּנְז בַּיישְׁטֵיין. זַיין כַּוָונָה אִיז גֶעוֶוען אוּנְז צוּ לֶערְנֶען: "ווִיאַזוֹי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ דִינֶען"! אוּן הַלְוַאי מִיר זָאלְן פַארְשְׁטֵיין: דִי 'גְרוֹסֶע סוֹדוֹת', אוּן דֶעם 'מוּסָר', וָואס עֶס שְׁטֶעקְט אִין דִי 'מַעֲשִׂיּוֹת' – וֶועלְן מִיר זַיין פְּרוּמֶע יוּדְן, אַזוֹי־ווִי מֶען דַארְף צוּ זַיין! אוּן 'הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ' וֶועט אוּנְז שִׁיקְן דֶעם 'גוֹאֵל־צֶדֶק', בַּאלְד אִין אוּנְזֶערֶע צֵייטְן, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן!

## תַּמְצִית הַקְדָּמָה

מַה שֶּׁהָיָה כְּבָר נִקְרָא שְׁמוֹ וְנוֹדָע שֶׁהוּא אָדָם וְזֹאת תּוֹרַת הָאָדָם דִּקְדֻשָּׁה, אֲשֶׁר זָכָה לְהַשְׁלִים דְּמוּת אָדָם כִּי זֶה כָּל הָאָדָם

הֲלֹא הוּא כְּבוֹד אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ, עֲטֶרֶת תִּפְאַרְתֵּנוּ גְּאוֹן עֻזֵּנוּ, הָרַב הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא בּוּצִינָא רַבָּא בּוּצִינָא עִלָּאָה בּוּצִינָא יַקִּירָא וְקַדִּישָׁא קְדֻשַּׁת־שֵׁם מוֹרֵנוּ הָרַב נַחְמָן, זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה נִין וָנֶכֶד לְהָרַב הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא הָאֱלֹקִי הַבַּעַל־שֵׁם־טוֹב, זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה

אֲשֶׁר כְּבָר נֶהֱנוּ יִשְׂרָאֵל לְאוֹרוֹ בְּחִבּוּרָיו הַקְּדוֹשִׁים הַנִּפְלָאִים אֲשֶׁר כְּבָר יָצְאוּ לָאוֹרָה רַבִּים רָאוּ וַיִּשְׂמָחוּ וִישָׁרִים יַעֲלֹזוּ וְהָאֱמֶת יוֹרֶה דַּרְכּוֹ

וְהִנֵּה עוֹד רָאָה זֶה נִמְצָא בְּאַמְתְּחוֹתֵינוּ סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת נִפְלָאוֹת וְנוֹרָאוֹת אֲשֶׁר זָכִינוּ לִשְׁמֹעַ פֶּה אֶל פֶּה מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ אֲשֶׁר אִזֵּן וְחִקֵּר וְתִקֵּן מְשָׁלִים הַרְבֵּה וְהִלְבִּישׁ וְהִסְתִּיר הַשָּׂגוֹת גְּבוֹהוֹת וַעֲצוּמוֹת בְּסִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת בִּדְרָכִים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים מְאֹד...

וּבְיִחוּד אֵלּוּ הַמַּעֲשִׂיּוֹת שֶׁסִּפֵּר אֲשֶׁר לֹא זָכוּ עֲדַיִן שֶׁיַּגִּיעוּ אֲלֵיהֶם כִּי אִם בְּהַעְתָּקוֹת בִּכְתָב עַל־יְדֵי סוֹפְרִים שׁוֹנִים אֲשֶׁר נִתְרַבּוּ הַטָּעֻיּוֹת בָּהֶם מְאֹד וְקִלְקְלוּ הַמְכֻוָּן.

עַל כֵּן תְּשׁוּקָתָם הַגְּדוֹלָה אִלְּצוּנוּ, וְכִסְפָּם הֶחָזָק דְּחָקוּנוּ עַד אֲשֶׁר הֻכְרַחְנוּ לְמַלֹּאת רְצוֹנָם לַהֲבִיאָם לְבֵית הַדְּפוּס וְגַם כִּי הָיָה לָנוּ גִּלּוּי דַּעַת מִפִּי רַבֵּנוּ הַגָּדוֹל, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אֲשֶׁר פַּעַם אֶחָד גִּלָּה דַּעְתּוֹ שֶׁרוֹצֶה לְהַדְפִּיס סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת,

וְאָמַר בְּזֶה הַלָּשׁוֹן לִפְנֵי כַּמָּה אֲנָשִׁים בְּדַעְתִּי לְהַדְפִּיס סֵפֶר מַעֲשִׂיּוֹת וְיִהְיֶה לְמַעְלָה כָּתוּב בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ וּלְמַטָּה בִּלְשׁוֹן לַעַז וְאָמַר: הֲלֹא מַה יּוּכְלוּ הָעוֹלָם לְדַבֵּר עַל זֶה, הֲלֹא עַל כָּל פָּנִים הֵם מַעֲשִׂיּוֹת נָאִים לְסַפֵּר וְכוּ׳

כַּדְּבָרִים הָאֵלֶּה נִשְׁמַע מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ בְּפֵרוּשׁ וְזֶה אֲשֶׁר הֵעִירוּנוּ לַהֲבִיאָם לְבֵית הַדְּפוּס....

אַךְ זֹאת לָדַעַת כִּי כָּל כַּוָּנָתֵנוּ בְּהַדְפָּסַת אֵלּוּ סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת הוּא רַק בִּשְׁבִיל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ הַחוֹסִים בְּצֵל קָדְשׁוֹ הַתְּאֵבִים וּמְצַפִּים וּמִשְׁתּוֹקְקִים לִשְׁמֹעַ דְּבָרִים קְדוֹשִׁים....

וְשָׁמַעְנוּ מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ בְּפֵרוּשׁ שֶׁאָמַר שֶׁכָּל דִּבּוּר וְדִבּוּר שֶׁל אֵלּוּ הַמַּעֲשִׂיּוֹת יֵשׁ בּוֹ כַּוָּנָה עֲצוּמָה

וּמִי שֶׁמְּשַׁנֶּה דִּבּוּר אֶחָד מֵאֵלּוּ הַמַּעֲשִׂיּוֹת מִכְּפִי מַה שֶּׁאֲמָרוֹ הוּא בְּעַצְמוֹ הוּא מְחַסֵּר הַרְבֵּה מֵהַמַּעֲשֶׂה וְאָמַר שֶׁאֵלּוּ הַמַּעֲשִׂיּוֹת הֵם חִדּוּשִׁים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים מְאֹד מְאֹד וְיֵשׁ בָּהֶם דְּרָכִים וְנִסְתָּרוֹת וַעֲמֻקּוֹת מֻפְלָג מְאֹד

וּרְאוּיִים לְדָרְשָׁם בָּרַבִּים לַעֲמֹד בְּבֵית הַכְּנֶסֶת וּלְסַפֵּר מַעֲשֶׂה מֵאֵלּוּ הַמַּעֲשִׂיּוֹת

כִּי הֵם חִדּוּשִׁים גְּבוֹהִים וְנוֹרָאִים מְאֹד מְאֹד גַּם מִי שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם וּבָקִי הֵיטֵב בְּסִפְרֵי קֹדֶשׁ וּבִפְרָט בְּסִפְרֵי הַזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ וְכִתְבֵי הָאֲרִ״י, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה יוּכַל לְהָבִין וְלָדַעַת קְצָת מְעַט רְמָזִים בְּאֵיזֶה מַעֲשִׂיּוֹת אִם יָשִׂים לִבּוֹ וְדַעְתּוֹ עֲלֵיהֶם הֵיטֵב

גַּם יֵשׁ בָּהֶם הִתְעוֹרְרוּת מוּסָר נִפְלָא וְעָצוּם מְאֹד בְּרֹב הַמְּקוֹמוֹת, יְבִינֵם הַמַּשְׂכִּיל בְּעַצְמוֹ

כִּי רֻבָּם כְּכֻלָּם מְעוֹרְרִים וּמַמְשִׁיכִים אֶת הַלֵּב מְאֹד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לָשׁוּב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ לַעֲסֹק רַק בְּתוֹרָה וַעֲבוֹדָה תָּמִיד וְלַהֲפֹךְ פָּנָיו מֵהַבְלֵי הָעוֹלָם לְגַמְרֵי כַּאֲשֶׁר יִרְאֶה הָרוֹאֶה בְּעֵינֵי שִׂכְלוֹ אִם יִסְתַּכֵּל בָּהֶם בֶּאֱמֶת

אוּלָם תַּכְלִית כַּוָּנוֹת אֵלּוּ הַמַּעֲשִׂיּוֹת רָחוֹק מְאֹד מִדַּעַת אֱנוֹשׁ וְעָמֹק עָמֹק מִי יִמְצָאֶנּוּ וְאֵין לְהַאֲרִיךְ בְּשֶׁבַח תִּפְאֶרֶת גְּדֻלַּת הַמַּעֲשִׂיּוֹת הָאֵלּוּ כִּי גָּבְהוּ מִדַּעְתֵּנוּ וְכָל הַמּוֹסִיף לְדַבֵּר בְּשֶׁבַח גְּדֻלָּתָם וְעַמְקוּתָם הוּא גּוֹרֵעַ....

וִיהִי נֹעַם ה׳ אֱלֹקֵינוּ עָלֵינוּ עַד יָבוֹא מוֹרֵה צֶדֶק לַעֲדָתֵנוּ וְיִבְנֶה בֵּית קָדְשֵׁנוּ וְתִפְאַרְתֵּנוּ חָזֵה צִיּוֹן קִרְיַת מוֹעֲדֵנוּ מֶלֶךְ בְּיָפְיוֹ תֶּחֱזֶינָה עֵינֵינוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן

הֲלֹא כֹּה דִּבְרֵי הַכּוֹתֵב וְהַמְסַדֵּר וְהַמַּעְתִּיק לֶאֱכֹל לְשָׂבְעָה וְלִמְכַסֶּה עָתִיק

נְאֻם הַקָּטָן נָתָן בֶּן אֲדוֹנִי אָבִי מוֹרֵנוּ הָרַב רַבִּי נַפְתָּלִי הֶערְץ יצ״ו מִנֶּעמְרָאב רַבָּתִי חֲתַן הָרַב הַגָּאוֹן הֶחָסִיד הַמְפֻרְסָם בְּכָל קַצְוֵי אֶרֶץ כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מוֹרֵנוּ הָרַב רַבִּי דָּוִד צְבִי זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא שֶׁהָיָה אַב בֵּית-דִּין בִּקְהִלַּת-קֹדֶשׁ קְרֶעמִינִיץ וְהַגָּלִיל וּבִקְהִלַּת-קֹדֶשׁ שַׁארִיגְרַאד וּבִקְהִלַּת-קֹדֶשׁ מָאהְלוּב וְהַגְּלִילוֹת.

:pe ________________

# לאמיר זיך פארהערן



## להתוודע ולהגלות - הקדמה (1)

א. וויאזוי רופט רבי נתן יעדע ווארט פון די מעשיות? (להתוודע ולהגלות)

- ❑ טהור
- ❑ קודש
- ❑ קודש קדשים

ב. וואס האט דער רבי געזאגט ? ער וויל דרוקן א ספר פון מעשיות וואס זאל זיין? (הקדמה אויף אידיש)

- ❑ אויבן אויף לשה"ק אונטן אויף טייטש
- ❑ אויבן אויף טייטש אונטן אויף לשה"ק
- ❑ נאר אויף לשה"ק

ג. וואס האט דער רבי געזאגט אויף די מעשיות?

- ❑ אז יעדע ענין פון די מעשיות האט א כוונה עצומה
- ❑ אז יעדע ווארט פון די מעשיות האט א כוונה עצומה
- ❑ אז יעדע מעשה פון די מעשיות האט א כוונה עצומה

ד. וואס נאך האט דער רבי געזאגט אויף די מעשיות?

- ❑ אז ס'איז ראוי עס צו דרשנ'ן ברבים
- ❑ אז ס'איז ראוי אויפצושטיין אין ביהמ"ד פארלערנען די מעשיות
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

ה. וואספארא התעוררות באקומט מען פון די מעשיות?

- ❑ זיך צוריקצוקערן צום אויבערשטן און עוסק זיין נאר אין תורה אין עבודה
- ❑ זיך אוועקבייגן פון נארישקייטן פון דער וועלט
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

ו. וואס איז דער נאמען פון דער טאטע פון רבי נתן?

- ❑ מוהר"ר נפתלי
- ❑ מוהר"ר נפתלי צבי
- ❑ מוהר"ר נפתלי הערץ

ז. ווי ווערט דערמאנט אין די הקדמה וואס מיר האבן געלערנט די ווערטער ?

סופרים, דעת, דפוס, האר"י, אולם, מלך,

ח. וויפיל מאל ווערט דערמאנט אין די הקדמה וואס מיר האבן געלערנט דאס ווארט "מעשיות" ? ______________.

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל,**

**02-5-3333-72**

**646-585-3040**

**דער געווינער אויף שיחת ראש השנה #3**
**איז הילד החשוב זושא רוזנבערג, בית שמש**

**וויפיל מאל שטייט מקוה? 12 מאל**
**הילד החשוב ישכר דוב ווייס ירושלים**
טעלעפאן אין שטוב ענדיגט זיך 4801

די מתנה ליגט ביים משגיח אין ת"ת ברסלב בית שמש / ירושלים



# טייערע ברסלב'ער אינגל,

קלינג יעצט אריין אין טעלעפאן ליין און זיי זיך משתתף
אין דעם קאמפיין פאר'ן הייליגן רבינ'ס ראש השנה
אויף יעדעס מאל וואס דו זאגסט א תיקון הכללי גייסטו
אריין אין ווערדפולע גורלות.

## 02.5.3333.72

**אויף קנעפל 8-8**

**אדער אין 'לנצח המלחמה' 02.67.343.18**

כִּי הַתְּפִלָּה זֶה עִקַּר הַכְּלֵי זַיִן לְנַצֵּחַ הַמִּלְחָמָה

לנצח המלחמה

ר"ה תשפ"ד





# דעם רבינ'ס משלים



אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַן אָרִימַאן וָואס אִיז גֶעזֶעצְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּן גֶעלֶערְנְט. אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ שְׁטֶערְן-זֶעעֶר אִין שְׁטָאט, דִי גַאנְצֶע אִיז גֶעלָאפְן צוּ אִים, אָבֶּער דֶער אָרִימַאן בְּלַייבְּט אִין שׁוּל אוּן אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען צוּ אִים.

זַיין וַוייבּ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אִין שׁוּל, אוּן קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעטְרָאפְן אִין שׁוּל חוּץ אִיר מַאן ווייל אַלֶע זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם שְׁטֶערְן-זֶעעֶר. זִי שְׁרַייט אוֹיף אִים קוֹלוֹת: "דוּ בִּיסְט אַ פוֹילֶער אָרִימַאן, אַ שְׁלֶעכְט מַזָל, פַארְוָואס גֵייסְטוּ נִישְׁט צוּם שְׁטֶערְן-זֶעעֶר?"

עֶר ווִיל אָבֶּער נִישְׁט גֵיין. הָאט זִי אִים גֶעמוּטְשֶׁעט בִּיז עֶר הָאט גֶעמוּזְט גֵיין צוּם שְׁטֶערְן-זֶעעֶר. עֶר קוּמְט אַרַיין צוּם שְׁטֶערְן-זֶעעֶר אוּן עֶר זָאגְט פַארְן אָרִימַאן: "דַיין מַזָל אִיז אַז דוּ זָאלְסְט זַיין אַ גַנָּב!". דֶער אָרִימַאן גֵייט צוּרִיק לֶערְנֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ. זַיין וַוייבּ קוּמְט אַרַיין אוּן פְרֶעגְט: "וָואס הָאט עֶר דִיר גֶעזָאגְט?"

זָאגְט עֶר אִיר: "עֶר זָאגְט אַז אַ קַבְּצָן בְּלַייבְּט אַ קַבְּצָן!"

פַארְנַאכְט אִיז עֶר אַהֵיים אִין שְׁטוּבּ אוּן גֶעגֶעסְן זַיין גְרוֹיסֶע סְעוּדָה, אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט! אַזוֹי אִינְמִיטְן עֶסְן הָאט עֶר זִיךְ אַבִּיסְל צוּלַאכְט, פְרֶעגְט אִים זַיין וַוייבּ: "פַארְוָואס לַאכְסְטוּ? זִיכֶער וֵוייסְטוּ עֶפֶּעס אַ זַאךְ וָואס דוּ ווִילְסְט מִיר נִישְׁט זָאגְן".

"נֵיין" זָאגְט דֶער מַאן, עֶר הָאט מִיר גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, אִיךְ לַאךְ סְתָּם אַזוֹי!"

דֶער אָרִימַאן עֶסְט ווַייטֶער, ווִידֶער הֵייבְּט עֶר אָן לַאכְן. זִי פְרֶעגְט נָאכְאַמָאל דִי זֶעלְבֶּע שְׁאֵלָה, אוּן עֶר עֶנְטְפֶערְט דֶער זֶעלְבֶּער עֶנְטְפֶער ווִי פְרִיעֶר. אִינְמִיטְן הָאט עֶר גֶעעֶפְנְט זַיין מוֹיל מִיט אַ גְרוֹיס גֶעלֶעכְטֶער אוּן אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעלַאכְט אַז סְ'אִיז אַרוֹיס אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ פוּן זַיין מוֹיל. רוּפְט זִיךְ זַיין וַוייבּ אָן: זֶע, "זִיכֶער וֵוייסְטוּ עֶפֶּעס"

זָאגְט דֶער מַאן: "דֶער שְׁטֶערְן-זֶעעֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז מַיין מַזָל וֶועט זַיין אִיךְ זָאל זַיין אַ גַנָּב".

עֶנְטְפֶערְט דִי וַוייבּ: "אִיךְ ווִיל נִישְׁט דוּ זָאלְסְט זַיין אַ גַנָּב, בֶּעסֶער זָאלְן מִיר זַיין אָרִימֶעלַייט, זָאל נָאר זַיין וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט גֶעבְּן, נָאר נִישְׁט זַיין קֵיין גַנָּב.

(כּוֹכְבֵי אוֹר – סִפּוּרִים נִפְלָאִים)

